# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**4:14**
מוצאי שב"ק......................**5:42**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................יחזקאל ל'-ל"א
בבלי...........................חולין י"ח
ירושלמי....................דמאי כ"ח
תוספתא.........אהלות פרק ט"ו
רמב"ם............בית הבחירה ה'


פרשת ויגש, ז' טבת, שנת תשע"ט לפ"ק | שנה 8, גליון 14 (374)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי**, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, וַיִּגַּשׁ, פַּרְשָׁה צ"ג, סִימָן ד') "הַנִּגָּשָׁה לִתְפִלָּה" יְהוּדָה הָאט נָאנְט-גֶעטְרֶעטְן מִיט תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רפ"ב) **אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְּרֵיילִיךְ** און אוֹיפְגֶעלֵייגְט און קֵיינְמָאל נִשְׁט זַיין צוּבְרָאכְן, אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד זֶעט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טוּט אַסַאךְ עֲבֵירוֹת, און דָאס מַאכְט אִים טְרוֹיעֶרִיג, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל אִים מַאכְן טְרוֹיעֶרִיג און מֶען טָאר זִיךְ נִשְׁט לָאזְן פוּן אִים, נָאר אוֹיפְזוּכְן בַּיי זִיךְ דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ אַסַאךְ מִצְוֹת, אֲפִילוּ וֶוען דִי מִצְוֹת זֶענֶען אוֹיךְ נִשְׁט אִינְגַאנְצְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאט עֶס אָבֶּער דָאךְ עֶפֶּעס גוּטְס אִין זִיךְ, און מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

וַוייל וואוּ עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס גוּטְס אִיז עֶס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמה, ט) **טוֹב ה' לַכֹּל**, מְמֵילָא וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט עֶפֶּעס גוּטְס בַּיי דִיר, מֵיינְט דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, און דֶערְפַאר קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר א', ב').

און נָאר אַזוֹי קֶען מֶען דַאוֶוענֶען און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל וֶוען אַ אִיד וִויל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּרֶענְגְט אִים דֶער יֵצֶר הָרַע אַרַיין מַחְשָׁבוֹת אִין קָאפּ "וָואס בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטוּן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת" אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה**, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ, הַנִּגָּשָׁה לִתְפִלָּה - וֶוען אַ אִיד וִויל אָנְהֵייבְּן דַאוֶוענֶען און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר טְרַאכְטְן, **בִּי אֲדוֹנִי** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאךְ עֶפֶּעס גוּטְס אִין מִיר, און דַאן, **יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּעֵינֵי אֲדֹנִי** - דֶעמָאלְט פִיל אִיךְ אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ א)

***

**וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד, זָאגְט רַשִׁ"י, וְהֵיכָן? בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן שֶׁהִיא מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם.**

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט) **אַז וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ** דַאן הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אַז עֶר זָאל נִשְׁט דוּרְכְפַאלְן אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וַוייל דִי עֲבֵירָה קוּמְט נָאר וֶוען מֶען אִיז טְרוֹיעֶרִיג.

דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ז'): "עֶס אִיז נִשְׁט דָא נָאךְ אַזַא פָאלְק וָואס אִיז אַזוֹי פוּל מִיט עֲבֵירוֹת, מִיט כִּישׁוּף, און מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וִוי דִי מִצְרִיִים", דֶערְפַאר וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמוּזְט גֵיין קַיין מִצְרַיִם, הָאט זֵיי יוֹסֵף אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין גֹּשֶׁן, דִי וָוארְט **"גֹּשֶׁן"** אִיז בְּגִימַטְרִיָּא **"שִׂמְחָה"**, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועלְן זֵיי נִשְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט, חַס וְשָׁלוֹם, נָאךְ דִי טוּמְאָה פוּן דִי מִצְרִיִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס רַשִׁ"י זָאגְט, וְהֵיכָן? **בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן שֶׁהִיא מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, אַז אֲפִילוּ דִי אִידְן זֶענֶען אִין דֶעם טָמֵא'נֶעם לַאנְד מִצְרַיִם, זָאלְן זֵיי זַיין אִין **"גֹּשֶׁן"** וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא **"שִׂמְחָה"**, וַוייל אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט דִי טוּמְאָה פוּן דִי מִצְרִיִים נִשְׁט הָאבְּן אוֹיף זֵיי קַיין שְׁלִיטָה.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ח)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין יָאר תק"מ לפ"ק, צוּ זַיין טַאטְן רֶבִּי נַפְתָּלִי הִירְץ זַ"ל און זַיין מַאמֶע לַאנֶיע ע"ה. עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, עֶר אִיז אָבֶּער אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר און אַן עוֹשֶׁר, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, און צוּ דוּרְכְלֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי מֶדְרָשׁ אוֹיף דִי פַּרְשָׁה.

בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר אִיז רֶבִּי נָתָן אַ חָתָן גֶעוָוארְן, און הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ זַיין וַוייבּ אֶסְתֵּר שֵׁיינְדְל ע"ה, אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן דִי גְדוֹלֵי הַדּוֹר אִין יֶענֶע תְּקוּפָה, הַגָּאוֹן הַגָּדוֹל רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבָּאךְ זי"ע וועלכֶער אִיז גֶעוֶוען רָב אוֹיף דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט שַׁארִיגְרַאד, מָאֶהלוֹב און קְרֶעמְנִיץ, און אוֹיף נָאךְ פִילֶע קְלֵיינֶע שְׁטֶעט און דֶערְפֶער. רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דֶער צַדִּיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֵייט מִיט אִים מִיט שְׁטֶענְדִיג.

רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד און אַ לַמְדָן עָצוּם, עֶר הָאט גֶעקֶענְט שַׁ"ס וּפוֹסְקִים, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אוֹיסְנְוֶוייניג יֶעדֶע תּוֹסְפוֹת אִין שַׁ"ס אִין דִי רַייעֶ. זַיין שְׁוֶוער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, און עֶר הָאט גֶעהָאפְּט אַז רֶבִּי נָתָן וֶועט אִיבֶּערְנֶעמֶען זַיין רַבָּנוּת נָאךְ זַיינֶע הוּנְדֶערְט און צְוָואנְצִיג.

כָאטְשׁ זַיין שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, הָאט עֶר אָבֶּער נִשְׁט גֶעהַאלְטְן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַבַּעַשְׁ"ט, עֶר פְלֶעגְט אָנְזָאגְן זַיינֶע קִינְדֶער און אֵיידִימֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִשְׁט מִתְחַבֵּר זַיין צוּ דִי חֲסִידִים. וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָבֶּער גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ און גֶעלֶערְנְט הָאבְּן דִי חַסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ גֶערֶעדְט מִיט אִים און זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים, אוֹיפְוַוייזְנְדִיג אַז דִי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד

<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט אַז וֶוער עֶס הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמה, טו): "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", "**יְשַׂבֵּרוּ**" - קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׂין "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ **יְשַׁבֵּרוּ**", אַז מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן - דָאס הֵייסְט מֶען קוּקְט נִשְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ"- וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה אִין צַייט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פּ' וַיִּגַּשׁ תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ אַרְבֶּעטְן אוּן מִיר פְּרוּבִּירְן אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אָבֶּער זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט אִין לֶעבְּן, צוּלִיבּ מַיין שְׁוֶוערֶע שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער מִיט וֶועמֶען אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גוּטֶער אוּן גֶעלוּנְגֶענֶער בָּחוּר, וֶוען ס'אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען צוּ שִׁידוּכִים אִיז מִיר גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל אִיךְ הָאבּ אֵיין בַּאבֶּע וָואס אִיז אַ סְפַרְדִי'שֶׁע, אוּן בַּיי אוּנְז אִין חֲסִידוּת ... אִיז דָאס אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ, אוּן ס'שַׁאדְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פַאר אַ שִׁידוּךְ.

הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם שִׁידוּךְ, מִיט אַ שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִינְגַאנְצְן בְּסֵדֶר. עֶס פֶעלְט זֵיי נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אָבֶּער בַּיי זֵיי גֵייט עֶס אַז דִי זִין בַּאקוּמֶען אַלֶעס, זֵיי הָאבְּן גֶעקוֹיפְט דִירוֹת פַאר אַלֶע זִין, אָבֶּער דִי טֶעכְטֶער בַּאקוּמֶען גָארְנִישְׁט. שׁוֹין אִינְמִיטְן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן פַאר מַיין וַוייבּ צְוֵויי דָאלֶער וַוייל זִי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זִי בַּאלַאנְגְט שׁוֹין אִין זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה...

דֶער מַצָּב טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אוּן דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט. פַאר דִי חֲתוּנָה פְלֶעג אִיךְ דַאוֶונֶען, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ פְלֶעג לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אָבֶּער יֶעצְט דַאוֶוען אִיךְ נִישְׁט שׁוֹין צַייטְלִיךְ, אִיךְ דַאוֶוען נִישְׁט מִיט מִנְיָן, כְ'הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעעֶפְנְט קַיין גְּמָרָא אִין דְרֵיי חֲדָשִׁים, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ח כִּסְלֵו, נֵר ד' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵיי מִיר מוֹחֵל אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין פְּרָאבְּלֶעם; דַיין שְׁוֶוער קוּמְט דִיר עֶפֶּעס?! דַיין שְׁוִויגֶער קוּמְט דִיר עֶפֶּעס?! וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁעְן אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט - עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט דַאוֶונֶען אוּן דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט? טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דִיר גֶעטוּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר אַ נֵס אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דוּ הָאסְט אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, אַנְשְׁטָאט

<<<<<<

>>>>>>

זֶענֶען גָאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן מִיטְ'ן גֵיין צוּ זֵיי וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת.

זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶל'ט אוֹיף אִים אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן צוּ דִי צַדִיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר. עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזְשִׁבּוֹזְשׁ זי"ע, צוּם רֶבִּי'ן רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן קְרֶעמְנִיץ זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי גְדַלְיָ' מְלִינִיץ זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי שָׁלוֹם מִפְּרָאבִּיטְשׁ זי"ע, אוּן צוּ הרה"ק רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מְחַמֶעלְנִיק זי"ע. דִי צַדִיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים.

שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זִי"עַ וָואס הָאט אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶערוּפְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט "מַיין נָתָנְ'לֶע". רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן בַּיי דִי צַדִיקִים, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי חֲסִידִישֶׁע ווירְטְשַׁאפְט, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דָאס פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיי סְעוּדוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן אִיז סְתָּם בִּיטוּל זְמַן, עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קֶען מֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶר הָאט גֶעזֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי אַלֶע צַדִיקִים, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק. עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיס גֶעהַאט קְלָאר וָואס אוּן וִוי אַזוֹי דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן צוּזַאמֶען מִיט אַ גְרוּפֶּע חֲסִידִים בַּיי אַ מְלַוֶה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ פַאר מְלַוֶה מַלְכָּה, דִי גוֹרָל אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן. אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין זַיין מַצָּב אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט. "אוֹיף דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ?!" - הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין זַיין תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְרָאכְן פוּן דֶעם.

עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט פוּן דִי בֵּייגְלֶעךְ אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אִין וַוייבֶּער שׁוּל מִיט אַ תְּהִלִּים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ קַאפִּיטְל נָאךְ אַ קַאפִּיטְל מִיט גְרוֹיס בְּכִיוֹת, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט תְּהִלִּים בִּיז קַאפִּיטְל נ', אוּן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען אִיז עֶר גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער פוּן דִי עֶרְד בִּיזְ'ן הִימְל, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיפְ'ן לֵייטֶער עֶר אִיז אָבֶּער אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְצוּגֵיין עֶר אִיז אָבֶּער נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, וִוי מֶער עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין הֶעכֶער אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן אַ גְרֶעסֶערֶע פְלַאץ אוּן זִיךְ נָאךְ מֶער צוּקְלַאפְּט, בִּיז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא טְרַאסְק אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין, אוּן דַאן אִיז אֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען אוּן אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט, זָאגֶנְדִיג: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!". דָאס אִיז גֶעוֶוען סוֹף יָאר תקס"ב לפ"ק פַאר סְלִיחוֹת.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעוואוֹינְט אִין נֶעמִירוֹב אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' לִיפָּא, עֶר פְלֶעגְט פָארְן צוּ אַסַאךְ צַדִיקִים, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, וָואס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן נֶעמִירוֹב, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אַ צַדִיק, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען חֵשֶׁק צוּ גֵיין צוּ אִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא. עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּי'ן אוּן זַיין הַארְץ הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען. יֶענֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט עֶטְלִיכֶע מָאל: "אִיךְ זֶע אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה אִין אוּקְרַיינֶע נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב", אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי נְשָׁמָה. דֶער עוֹלָם הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶועם דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם.

מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, וָואס אִיז דַאן גֶעוֶוען "א' סְלִיחוֹת", אִיז ר' לִיפָּא צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל זָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעלִיגְן אִין דִי בֵּיינֶער דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי סְלִיחוֹת מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן כַּוָונָה מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן סְלִיחוֹת, וִוי "עֲנֵנִי ה' עֲנֵנִי" "מִי שֶׁעָנָה לְאַבְרָהָם" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס מֶען כַאפְּט שׁוֹין גֶעוויינְלִיךְ אָפּ, הָאט עֶר עֶס אָבֶּער גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק שְׁטַייט אוּן רוּאִיג אוּן מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה. וֶוען דִי אִינְגֶעלַייט אִין שׁוּל הָאבְּן גֶעזֶען דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם ר' לִיפָּא, הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט נָאךְ סְלִיחוֹת וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דָא נִישְׁט וַוייט, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן אַ פְרִישֶׁער צַדִיק, אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת אוּן דָארְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר בַּיי דֶעם צַדִיק טְרֶעפְן דָאס וָואס עֶר זוּכְט, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער צַדִיק אִים אוֹיךְ מְעוֹרֵר זַיין אוּן אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג. נָאךְ יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר זִיךְ צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט מִיט רֶבִּי נַפְתָּלִי אוּן רֶבִּי זַלְמָן אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן אִים גֶעזָאגְט "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ". דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַ שְׁטִיק צַייט.

זַייעֶנְדִיג דָארְט הָאט רֶבִּי נָתָן שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען בְּלַייבְּן דָארְט בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר אַהֵיים גֶעפָארְן מִיטְן חֶשְׁבּוֹן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

פְרַייטָאג פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ז אֱלוּל, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּזַאמֶען מִיט זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי, צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת אוּן שׁוֹין בְּלַייבְּן דָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיז דַאן אוֹיסְגֶעפַאלְן מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג.

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירְן אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג". פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר

<<<<<<

> **אוּן דַאן אִיז אֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען אוּן אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען, זָאגֶנְדִיג: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!"**

>>>>>>

גְעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט. נָאךְ דִי סְעוּדָה וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ צֶעגַאנְגֶען, יֶעדֶער אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, הָאט אָבֶּער רֶבִּי נָתָן נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין שְׁלָאפְן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ פֵייעֶר, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, פֵייעֶר מִיר אַרַיין דָאס פֵייעֶר אִין הַארְצְן אַרַיין!" עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט. רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר אִיז מוֹרָא'דִיג נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן דָארְטְן.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן פְּרִיוַואט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע הַנְהָגוֹת וָואס צוּ טוּן, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן נָאךְ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּ כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס עֶס זָאל זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן מִיט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד". דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אִים דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעזָאגְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר אַז עֶר זָאל אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרךְ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'עֶר גוּטֶער חָבֵר.

דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אַרַיין אִין רֶבִּי נָתָנְ'ס הַארְץ וִוי אַ פֵייעֶר, דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וָואס עֶס וֶועט נָאר אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים, וָואסֶערֶע סָארְט מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶועריְקַייטְן, סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן; וֶועט עֶר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג. אוּן פוּן דַאן אִיז עֶר שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן מְקוֹרָב אוּן דָבוּק צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אֵייבִּיג. אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גְלַייךְ מְקַיֵּים גֶעוֶוען, עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שׁוּל וָואס אִיז גֶעוֶוען דַאן לֵיידִיג, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְנְדִיג פַאר אִים אַלֶעס וָואס אִיז אִים גֶעלִיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ.

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ תַּלְמִידִים, גָאר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, אִיז אָבֶּער רֶבִּי נָתָן יֶעדְן אִיבֶּער גֶעשְׁטִיגְן. עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶעם רֶבִּי'נְס לִימוּדִים אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען פַאר דֶעמָאלְט, נָאר עֶס וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מַיין פֵייעֶר וֶועט שׁוֹין טְלִיעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען". רֶבִּי נָתָן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע סְפָרִים, אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיסֶער דִי סְפָרִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֵיין גֶעמַאכְט וָואס זֶענֶען מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק, עֶס בְּלָאזְט אַרַיין אַ הָאפֶענוּנְג אוּן אַ שְׁטַארְקַייט אִין יֶעדְן וָואס לֶערְנְט עֶס. בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג אִיז זִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מְחַיֶּה מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, מִיט דִי יְרוּשָׁה וָואס עֶר הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט פוּן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער ז"ע, דֶער תַּלְמִיד מוּבְהָק וָואס הָאט אִיבֶּער גֶענוּמֶען רֶבִּי נָתָן, פְלֶעגְט אָנְהוֹיבְּן זַיין דְרָשָׁה בַּיי דִי סְעוּדַת הִילוּלָא פוּן רֶבִּי נָתָן מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַ גְרוֹיסֶע יְרוּשָׁה וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לָאמִיר זִיךְ צוּטֵיילְן צוּזַאמֶען מִיט דִי יְרוּשָׁה" אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן דִי הֵיילִיגֶע וַוארִימֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס זֶענֶען מְחַיֶּה יֶעדְן אֵיינֶעם.

לָאמִיר זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע יְרוּשָׁה, לָאמִיר לֶערְנֶען, הֶערְן אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי אַלֶע עֵצוֹת אוּן לִמּוּדִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט לָנֶצַח נְצָחִים.

(סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (טו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַסַאךְ פַאסְטְן, אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת.**

**פו**

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפַאסְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אוּן וֶוען סְ'אִיז גֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וַוייל דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף וָואס אוֹיסְצוּפַאסְטְן נָאךְ אַ תַּעֲנִית, אַזוֹי וִוי מֶענְטְשְׁן גְרֵייטְן זִיךְ גֶעוֶוענְלִיךְ אָן עֶפֶּעס אַ וַוארֶעמֶע זַאךְ צוּ טְרִינְקֶען, עֶפֶּעס מִילְךְ, אוּן דָאס גְלַייכְן. אוּן קֵיינֶער הָאט דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר פַאסְט, עֶר פְלֶעגְט סְתַּם עֶסְן וָואס מְ'הָאט צוּגֶעגְרֵייט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפַאסְט, נָאכְ'ן פַאסְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִין אַ צִי. אוּן דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלְן יֶענֶעם פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, אוּן סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע רַעשׁ דָארְט צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן.

גְלַייכְצַייטִיג פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן פְרַייטָאג לְכָבוֹד שַׁבָּת, דִי מִקְוֶה דָארְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר קַאלְט, אוּן כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן נָאךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַאסְטְן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין דִי פְרָאסְטִיגֶע מִקְוֶה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ פַארְזוֹימְט אִין מִקְוֶה פַאר גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי שָׁעָה, אַ זַאךְ וָואס אֲפִילוּ אַ גֶעזוּנְטֶער שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן.

**פז**

אִין דִי אַלֶע טֶעג אוּן יָארְן אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן פוּן דִי וֶועלְט, נָאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן ז"ל פְלֶעגְט קוּמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּ אִים אוּן אוֹיפְפְלַאמֶען זַיין הַארְץ אַז עֶר זָאל אִים אוֹיךְ נָאכְטוּן, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִים, אוּן דֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן ז"ל פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אוּן דַאן אִיז גֶעוֶוען מִיטְוָואךְ, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּנֶעם תַּעֲנִית, אַזוֹי וַוייט אַז סְ'הָאט גֶערִינֶען בְּלוּט פוּן זַיין נָאז, פוּן זַיינֶע צְוֵויי אוֹיגְן, פוּן זַיינֶע אוֹיעֶרְן, אוּן פוּן זַיין מוֹיל.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט מַאכְן

<<<<<<

>>>>>>

דוּ זָאלְסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם נֵס, זוּכְסְטוּ פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אוֹיף וָואס זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן... אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן יֶעדְן אֵיינֶעם, וַוייל קֵיינֶער אִיז דִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וַוייל יֶעדֶע זַאךְ אִיז בַּיי אִים וִוי אַ מַתָּנָה; אַז עֶר קֶען זֶען - אִיז דָאס בַּיים אִים אַ מַתָּנָה; אַז עֶר קֶען הֶערְן, רֶעדְן אוּן שְׁמֶעקְן - אִיז בַּיי אִים וִוי אַ מַתָּנָה אוּן עֶר דַאנְקְט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן - אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר חַזֶר'ט שְׁטֶענְדִיג צוּ זִיךְ: 'קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט אוּן קֵיינֶער אִיז מִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג; בִּפְרַט מַיין טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער אוּן מַיין וַוייבּ זֶענֶען מִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אַדְרַבָּה אִיךְ בִּין זֵיי שׁוּלְדִיג 'הַכָּרַת הַטּוֹב''; אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר בַּאקוּמְט דַאנְקְט מֶען אוּן מֶען לוֹיבְּט פוּן וֶועם מֶען הָאט עֶס בַּאקוּמֶען.

אִיךְ הָאף אַז דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט צוּ דַיין וַוייבּ קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן; אֲפִילוּ זִי אַלֵיינְס קֶען זִיךְ אַמָאל אָפְּרֶעדְן אוֹיף אִיר טַאטֶע מַאמֶע זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף זֵיי, וַוייל דָאס וֶועט אִיר זֵייעֶר וֵויי טוּן אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַ פִּירוּד אִין דַיין שָׁלוֹם בַּיִת. רֶעדְט צוּ אִיר שֵׁיין פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען קֵירוּב לְבָבוֹת צְוִוישְׁן אַייךְ.

וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער זָאלְסְטוּ זֵיי מְכַבֵּד זַיין, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, שְׁמוּאֵל-א, כד): "חַיָּיב אָדָם בִּכְבוֹד חָמִיו כִּבִכְבוֹד אָבִיו", אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָּב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיין שְׁוֶוער פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי עֶר דַארְף מְכַבֵּד זַיין זַיין טַאטֶע; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן אַ גְרוֹיס מֵיידְל, טְרַאכְט אַרַיין וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט זִיךְ שְׁפִּירְן וֶוען אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען אוּן אִיר אָנְרֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דִיר? עֶר וֶועט הָאבְּן אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל וִוי דִיר אוּן עֶר וֶועט שְׁרֵייעֶן אַז דוּ קוּמְסְט אִים דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר וֶועט נָאךְ בְּרֶענְגֶען זַיינֶע רְאָיוֹת וְכוּ', וִוי אַזוֹי וֶועט דִיר עֶס שְׁמֶעקְן?

זֶע צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס בַּיינַאכְט, אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף זַיין אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט; לֶערְן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט. אַ פְרוֹי הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ זֶען וִוי אִיר מַאן לֶערְנְט אוּן זִי קוּקְט אַסַאךְ מֶער אַרוֹיף אִיר מַאן וֶוען זִי זֶעט אִים לֶערְנֶען.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן אַלֶעם גוּטְס; דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן גֶעלְט פוּן דַיין שְׁוֶוער, אַדְרַבָּה, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַזוֹי פִיל אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ קֶענֶען הֶעלְפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, דוּ וֶועסְט זַיין אַ מַשְׁפִּיעַ נִישְׁט קַיין מְקַבֵּל.

**אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.**

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' מִקֵּץ תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

דָארְט אַ טוּמְל אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשְׁלַאפְט. אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אִים בַּארוּאִיגְט מִיט חָכְמָה, זָאגְנְדִיג, "אַזוֹי גֵייט עֶס אֵייבִּיג, אִינְמִיטְן דִי וָאךְ וֶוערְט זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס פַאסְטְן, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער בַּארוּאִיגְט זִיךְ עֶס, וֶועסְט זֶען אַז מָארְגְן וֶועט מִיר שׁוֹין זַיין פִיל גְרִינְגֶער".

רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעמוּזְט שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁוואוֹירְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן אִיבֶּער דִי תַּעֲנִיתִים וָואס דֶער רֶבִּי פַאסְט.

אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אוּן אִינְמִיטְן דִי וָואךְ אִיז עֶר זֵייעֶר שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט לִיגְן אִין בֶּעט מִיט דִי פִּיס אַרוֹיס, צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְקוּמֶען דִי שְׁוַואכְקֵייט.

**פח**

דֶעמָאלְט, אִינֶעם רֶבִּינְ'ס יוּנְגֶע יָארְן, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָּׁה. עֶר הָאט צֶעבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע בִּיטֶערֶע תַּאֲווֹת אוֹיף גָאר אַ שְׁטַארְקֶע פַארְנֶעם, וָואס מְ'קֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן יֶעדֶעס מָאל, אוּן עֶר הָאט גֶעווּאוּנֶען דִי מִלְחָמָה מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע.

**פט**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "וֶוען נִישְׁט סְ'שְׁטֵייט אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן קְלָאר אִין חֲזַ"ל (קִידּוּשִׁין ל'.) אַז מְ'טָאר נִישְׁט זָאגְן "גִירָא בְּעֵינָא דְשִׂטְנָא" – אַ פַייל אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם שָׂטָן, דָאס מֵיינְט אַז חֲזַ"ל לָאזְן נִישְׁט זִיךְ רֵייצְן מִיטְ'ן שָׂטָן – וָואלְט אִיךְ דָאס יָא גֶעזָאגְט, אִיךְ וָואלְט זִיךְ יָא גֶערֵייצְט מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע.

"אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט בִּכְלַל דִי אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס וֶוערְן גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל פוּן תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, בַּיי מִיר אִיז דָאס גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, סְ'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסָּיוֹן פַאר מִיר. סְ'זִיכֶער דָא אַ סוֹד אִין דֶעם וָואס סְ'שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה אַז דִי תַּאֲוָה אִיז אַ נִסָּיוֹן, וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסָּיוֹן. וֶוער סְ'וֵוייסְט אַבִּיסְל אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קל"ה, ה') "כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה'", וַוייל 'אִיךְ' וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר בַּאגְרֵייפְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוער סְ'וֵוייסְט דָאס אוּן פַארְשְׁטֵייט דָאס רִיכְטִיג, פַאר אִים אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסָּיוֹן. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעהַאט אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסָּיוֹן".

דָאס הָאט אָבֶער דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער, וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אָבֶער אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן עֶס בַּייגֶעקוּמֶען.

**צ**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ'אִיז אַן אֱמֶת'עֶר חָכָם, אֲפִילוּ אַ גוֹי, אוֹיבּ אִיז עֶר אַן אֱמֶת'עֶר קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ דַארְפְן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת בִּכְלַל נִישְׁט זַיין פַאר אִים קַיין נִסָּיוֹן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה יעקב לעזער הי"ו וזוגתו תחי'

**צו די געבורט פון צווילינג אינגלעך למזל טוב**

די חשובע **מרת לעזער תחי'**, די געטרייע **מנהלת פון בית פיגא**, איז די רוקן-ביין פון די ברסלב'ע סקול, זי איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די סקול, זיך אפגעבנדיג מיט יעדן קינד באזונדער מצליח צו זיין אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן.
דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן זיי ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון די צווילינג קינדער און פון אלע קינדער געזונטערהייט

# בית המדרש היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע**

# תורתו מגן לנו

מיר ווילן איינלאדענען אלע אנשי שלומינו צו די

# סעודת הילולא

צו די יומא דהילולא קדישא פון

**מורינו הגאון הקדוש אור נפלא אשר כל רז לא אניס ליה**

## מורינו רבי נתן מברסלב זצוק"ל

דעם קומענדיגן

## מאנטאג נאכט פרשת ויחי הבעל"ט

**בבית מדרשינו אין וויליאמסבורג**

**27 Skillman St.**

**בשעה 7:30**

מיר וועלן איבער'חזר'ן די הייליגע לימודים פון רבי נתן און זיך שטארקן צו גיין אין זיינע הייליגע וועגן וואס ער האט מקבל געווען פון הייליגן רבי'ן.

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'**

# שאלות ותשובות "עצתו אמונה" דערגרייכט 500 בריוו

די שאלות ותשובות פונעם ראש ישיבה שליט"א איז שוין ברייט באקאנט אין די היימישע וועלט, די וואס ליינען דעם גליון יעדע וואך, האלטן מיט ווי עס ווערט אריינגעלייגט יעדע וואך איין בריוו אינעם גליון, ארויסגענומען פונעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה", פון אידן וועלכע האבן אנגעפרעגט זייערע ספיקות און צווייפלענישן, און דער ראש ישיבה שליט"א ענטפערט זיי בטוב טעם ודעת מיט די לימודים און עצות פון הייליגן רבי'ן, לויט ווי מוהרא"ש זי"ע האט אונז געלערנט.

אין די יעצטיגע טעג פון יום טוב חנוכה זענען די צאל בריוו, די שאלות ותשובות, אנקומען צו פינף הונדערט. דאס איז א גרויסע פרייד ביי אנשי שלומינו, וועלכע זענען זיך מחיה מיט די פילע עצות און לעבן, די חיזוק און הדרכה, וואס מ'שעפט פון די בריוו.

דאס איז אויסער די פילע הונדערטער אנדערע בריוו, נישט מיט א שאלה, וואס איז געשריבן געווארן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א פול מיט אזויפיל עצות און חיזוק.

די אלע בריוו ווערן געדרוקט יעדע וואך אין א קונטרס "עצתו אמונה", וואס איז דא צו באקומען ביים קרן הדפסה "היכל הקודש" אין וויליאמסבורג.

דאס קומט אין א ספעציעלע צייט, ווען דעם פארגאנגענעם ערב חנוכה איז געווארן 55 יאר זינט מוהרא"ש זי"ע האט אנגעהויבן שרייבן די הייליגע ספרים "אשר בנחל", וואס זענען מחיה און משמח צענדליגע טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט, און איז שוין געווארן געדרוקט טויזנטער מאל. די ספרים האבן געהאט די גרעסטע חשיבות ביי מוהרא"ש, אזוי ווייט אז ער האט געהייסן אז אויף זיין מצבה זאל מען ארויסשרייבן אלס זיין טיטל "מחבר ספרי אשר בנחל", אויך איז באקאנט די הבטחה פון מוהרא"ש וואס ער שרייבט פיל מאל אין די בריוו, אז ווער עס דארף סיי וועלכע ישועה, זאל דרוקן א באנד אשר בנחל, און ער וועט זיכער געהאלפן ווערן.

די בריוון פונעם ראש ישיבה שליט"א גייען אין די פיסטריט פונעם ספר הקדוש "אשר בנחל", אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט שטענדיג אז אלע זיינע עצות און לימודים נעמט ער פון דארט, מוהרא"ש האט געשריבן אזויפיל ספרים און בריוו, מיט עצות און חיזוק אויף סיי וועלכע מצב א מענטש זאל זיך נאר געפינען.

די קונטרסים "עצתו אמונה" זענען ב"ה זייער אויפגעכאפט. צוליב די גרויסע פארלאנג האט מען שוין אין די קורצע צייט געדרוקט אין פארשפרייט שווערע טויזנטער דערפון אין אלע געגנטער.

**לדעת את המעשה אשר יעשון!**


# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** < 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



**הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן**